# שיחות ודברות קודש לפרשת מקץ משנת תשע"ג לפ"ק

## בסעודת ברית של בן הר"ר מרדכי נתן שטיינער הי"ו

יום א' פרשת מקץ תשע"ג לפ"ק

**מען** שטייט אין די טעג פון חנוכה, וואס חנוכה האט א שייכות צו ברית מילה. איינע פון די טעמים פארוואס מען מאכט אכט טאג חנוכה, איז צו מאכן א רמז אויף דעם וואס די יונים האבן געוואלט מבטל זיין מצות מילה. און דורכדעם וואס עס איז געווען דער נצחון פון די מלחמה האט מען געקענט ווייטער מקיים זיין די מצוה. האט מען געמאכט א רמז פון אכט טאג, אויף מילה וואס איז ניתנה לשמיני.

**עס** איז באקאנט די קשיא פונעם **בית יוסף** (או"ח סימן תר"ע), אז דער ערשטער טאג איז דאך נישט געווען א נס. דעם ערשטען טאג איז דאך געווען א פך שמן וואס מען האט געטראפן אנצוצינדען, דער נס האט זיך ערשט אנגעהויבן ביי די קומענדיגע טעג, פארוואס האט מען קובע געווען אז דעם ערשטען טאג צינדט מען אויך נרות חנוכה. נאכדעם איז שווער נאך א קשיא, פארוואס האט מען געדארפט האבן צו טרעפן א פך שמן וואס מען זאל קענען צינדען אויף איין טאג, אפילו מען וואלט נאר געטראפן אביסל שמן, וואלט דאך אויך געקענט פאסירן א נס. אזוי ווי עס האט פאסירט א נס אויף די איבריגע טעג, האט געקענט פאסירן א נס דעם טאג אויך. פארוואס האט מען צוגעשטעלט שמן אז מען זאל קענען צינדען איין טאג, און מען דארף נישט קיין נס, און דער נס האט זיך ערשט אנגעהויבן שפעטער די קומענדיגע טעג. מען האט טאקע געדארפט האבן אביסל שמן, כדי עס זאל זיין פון וואס עס זאל נתרבה ווערן דער נס, עס האט געדארפט זיין א זאך פון וואס עס זאל נמשך ווערן דער נס, אזוי ווי דער **טורי זהב** (שם) זאגט. אבער אויף דעם דארף מען נאכנישט האבן א פך שמן פאר א גאנצען טאג, עס איז גענוג אפילו אביסל שמן.

**דער** ענין דערפון איז, די משנה (אבות ד-ב) זאגט, מצוה גוררת מצוה. ווען א יוד טוט א מצוה, איז עס גורר אז ער זאל קענען טון נאך א מצוה. שכר מצוה מצוה (שם), ווען מען טוט א מצוה באצאלט דער אייבערשטער שכר, אז דער באשעפער איז אים מזכה נאכדעם מיט נאך א מצוה. דער הייליגער **חתם סופר** (פ' פנחס) שרייבט, אז מצוה גוררת מצוה איז דער טייטש, די זעלבע סארט מצוה וואס ער האט יעצט מקיים געווען, טוט די מצוה גורר זיין, אז ער זאל קענען מקיים זיין נאכאמאל די מצוה שפעטער. ווי אזוי מען איז מקיים די מצוה דעם ערשטען מאל, אזוי ווערט נגרר די מצוה שפעטער. אויב מען איז נאר מקיים די מצוה כמצות אנשים מלומדה, מען האט נאר געטון די מצוה אויף יוצא צו זיין, עס איז טאקע אויך גורר א מצוה, ווייל עס איז א מצוה, אבער עס איז גורר א שוואכע מצוה. אבער אז מען טוט א מצוה מיטן העכסטן שלימות וואס איז שייך צו טון א מצוה, קען עס גורר זיין אז די קומענדיגע מצוה, אפילו מען קען עס נישט טון בדרך הטבע, וועט דער אייבערשטער ממציא זיין אפילו שלא כדרך הטבע, אז עס זאל גורר זיין די צווייטע מצוה.

**יודען** האבן אזויפיל צייט נישט געצינדען קיין נרות אין בית המקדש, די יוונים האבן דאך מטמא געווען דעם בית המקדש. און מען האט געטראפן איין פך שמן וואס מען קען דערמיט אנצינדען די מנורה. און מען האט געוואוסט אז נאכדעם וועט מען ווייטער נישט קענען צינדען די מנורה, ווייל עס איז נישט דא קיין שמן נאר פאר דעם איינעם טאג. האבן זיי מקיים געווען די הדלקת הנרות אין דעם טאג, אויפן העכסטן שלימות וואס איז שייך אז א כהן זאל קענען אנצינדען די מנורה. נאך אזויפיל צייט וואס מען האט נישט געטון די מצוה, יעדע מצוה וואס איז בא מזמן לזמן זאגט מען שהחיינו, עס איז דא א שמחה אז מען איז מקיים די מצוה. האבן זיי מקיים געווען די מצוה מיט אזא שלימות, אז די

מצוה האט גורר געווען שפעטער, אז דער באשפעער האט ממציא געווען שמן בדרך נס, אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצוה די איבריגע טעג אויך. האט אויסגעפעלט אז דעם ערשטען טאג זאל זיין שמן אז מען זאל קענען מקיים זיין די גאנצע שיעור פונעם שמן, וואס דאס וועט גורר זיין, אז מען זאל קענען נאכדעם מקיים זיין די מצוה אפילו בדרך נס. ווען עס וואלט נישט געווען שמן צו צינדען א גאנצע טאג, עס וואלט נאר געווען אביסל שמן צו צינדען, קען מען דאך נישט מקיים זיין די מצוה בשלימות, קען נישט די מצוה גורר זיין נאכדעם אז בדרך נס זאל נמשך ווערן א מצוה. אבער אז מען האט געטוהן די מצוה בשלימות, און מען האט עס מקיים געווען אזוי ווי מען דארף עס מקיים זיין, האט עס גורר געווען שפעטער א נס אויף די קומענדיגע טעג.

**האבן** די חכמים קובע געווען, אז מען זאל צינדען נרות אויך דעם ערשטען טאג, כאטש עס איז נישט געווען א נס. ווייל אויב מען וועט נאר צינדען די קומענדיגע טעג, וועט עס נאר זיין א סימן אז עס איז געווען א נס אז מען האט געקענט צינדען די נרות. מען האט אבער געוואלט ווייזען פאר יודען, אז מען זאל וויסען, אז ווען מען טוט א מצוה בשלימות, טוט דאס גורר זיין שפעטער נאך א מצוה בדרך נס, דארף מען צינדען דעם ערשטען טאג אויך, ווייל דער ערשטער טאג וואס מען האט געצינדען אין בית המקדש דעם פך שמן וואס מען האט יא געהאט, און מען האט עס געצינדען ערליך, האט דאס גורר געווען שפעטער, אז עס זאל קענען נאכדעם זיין די נס פון די נרות.

**ווען** מען ברענגט אריין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז דאך דאס איינע פון די גרעסטע מצות וואס איז דא. עס איז נכרתו עליה י"ג בריתות (נדרים לא:), עס איז נישט דא נאך אזא מצוה ווי מצות מילה, וואס דער אייבערשטער האט כורת געווען אזויפיל בריתות אויף די מצוה. און די מצוה איז מען מקיים מיטן גאנצן שלימות, א קינד האט נאכנישט קיין דעת אז ער זאל קענען האבען עפעס א אנדערע כוונה דערין. דער טאטע איז אים מכניס בבריתו של אברהם אבינו, און דאס קינד לאזט זיך, און ער ברענגט זיך אריין אינעם ברית. ווייל מצוה גוררת מצוה, די מצוה פון ברית מילה דארף גורר זיין אלע מצות אין זיין לעבן שפעטער, וואס ווערן נגרר פון די ערשטע מצוה וואס מען הייבט אן מקיים צו זיין ביי א קינד. האט מען געוואלט אז די ערשטע מצוה וואס ער איז מקיים, זאל זיין די מצוה מיט אזא הויכע מאס, עס זאל זיין א מצוה וואס איז נכרתו עליה י"ג בריתות, און מען זאל עס מקיים זיין מיטן גאנצן שלימות, אן קיין שום פניות, נאר בלתי לה' לבדו, און דאס וועט גורר זיין שפעטער אלע מצות וואס דאס קינד וועט נאכדעם מקיים זיין.

**וועגן** דעם הייסט עס 'ברית', ווייל ברית איז תרי"ב. די מצוה איז נאר איין מצוה, אבער אלע תרי"ב מצות וואס קומען שפעטער, ווערט נגרר פון די מצוה. וועגן דעם וואונטשט מען אן פארן טאטען, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ער גייט אריין אינעם ברית, איז דאך דאס די ערשטע מצוה וואס ער איז מקיים, זאל דאס זיין מצוה גוררת מצוה, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

---

**בסעודת בר מצוה של הבחור שלמה זלמן כ"ץ נ"ו והבחור חיים מאיר כ"ץ נ"ו**
**בני הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**

יום ד' פרשת מקץ תשע"ג לפ"ק

---

**איך** וויל באדאנקען אלע גוטע פריינד וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די שמחה. איך וויל באגריסן מיין חשובן מחותן, דער רבי זאל זיין געזונט, וואס האט זיך מטריח געווען, און געקומען פון ארץ ישראל, אטיילצונעמען ביי די שמחה. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מיר זאלן אלע זעהן שמחות און נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

**מען** שטייט אין יום טוב פון חנוכה, אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן תר"ע סעיף ב') איז געפסק'נט, אז ריבוי הסעודות וואס מען מאכט אין חנוכה, איז נישט קיין מצוה, עס איז א רשות. מען האט נישט קובע געווען חנוכה, נאר להודות ולהלל, מען האט עס נישט קובע געווען פאר משתה ושמחה. פון דעסטוועגן דאך זאגט דער **רמ"א**, אז דער מנהג איז, אז עס איז יא דא קצת מצוה מרבה צו זיין אין סעודת חנוכה, וועגן דעם חנוכת המזבח וואס מען האט דעמאלטס מחנך געווען. נאכדעם ברענגט צו דער **רמ"א**, אז דארט ווי מען זאגט זמירות ותשבחות ביי די סעודה, ווערט עס גערעכענט פאר א סעודת מצוה. - איך מיין אז אזא סעודת חנוכה, מיט אזויפיל שירות ותשבחות וואס מען האט דא געהערט, איז מען שוין לאנג נישט געזעסן ביי אזא סעודה של מצוה, וואס מען איז מרבה בשירות ותשבחות. דאס אליין ברענגט, אז עס זאל ווערן גערעכענט פאר א סעודת מצוה.

*

**אבער** דער אמת איז, איך האב עס קיינמאל נישט פארשטאנען. עס איז מיר אייביג געווען א פלא די ווערטער פונעם **רמ"א**, וואס דער **רמ"א** זאגט, אז אפילו פאר חנוכה האט מען נישט קובע געווען משתה ושמחה, פון דעסטוועגן דאך איז דא א מצוה קצת, אז מען זאל מאכן סעודות אין חנוכה, וועגן חנוכת המזבח. וואס איז דער חנוכת המזבח, אז עס האט יא א ענין מען זאל מאכן א סעודה.

**אין** די פוסקים שטייט צוויי ענינים דערין. חנוכת המזבח מיינט, ווייל עס שטייט אין מדרש (פסיקתא רבתי ו') אז דער משכן איז געענדיגט געווארן כ"ה כסלו. און דער אייבערשטער האט געהאט א סיבה, אז ער האט אפגעשטופט די הקמת המשכן אויף ראש חודש ניסן, אין דעם חודש וואס יצחק איז געבוירען געווארן. און דער באשעפער האט געזאגט, איך דארף באצאלן פאר כ"ה כסלו, וואס דער משכן איז פארטיג געווען, און מען האט עס נישט אויפגעשטעלט, און פון דעם איז געווארן שפעטער דער חנוכת המזבח בזמן החשמונאים.

וועגן דעם מאכט מען א רמז אויף דעם זמן וואס עס איז געווען דעמאלטס חנוכת המזבח. ארגינעל האט דאך געדארפט זיין דער חנוכת המשכן, און כ"ה כסלו זאל מען מאכן דערויף א סעודה. א צווייטער ענין איז דא, אז אין די צייטן פון די חשמונאים אליין, איז אויך געווען א חנוכת המזבח, וואס מען האט מחנך געווען דעמאלטס דעם בית המקדש. מען האט מטמא געווען דעם גאנצן מקדש, איז פאר דעם חנוכת המזבח, האט מען קובע געווען א סעודה.

**אבער** ביידע טעמים איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין. מען מאכט א סעודה פאר דעם חנוכת המשכן וואס וואלט געדארפט ווערן אויפגעשטעלט אין כ"ה כסלו. מען זעהט נישט אז ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, און מען האט טאקע געמאכט די חנוכת המשכן, אז דאס זאל בלייבן אן ענין לדורות, אז מען דארף דעמאלטס מאכן א סעודה? מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן אין ראש חודש ניסן, און עס איז געווען דעמאלטס די טעג פון די נשיאים, און עס ווערט נישט דערמאנט אין ערגעץ, אז ווייל עס איז געווען דער חנוכת המזבח אין ראש חודש ניסן, דארף מען די טעג מרבה זיין אין א סעודה. אדרבה, ראש חודש ניסן איז גאר דא א דיעה אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן תק"פ סעיף ב') אז עס איז א תענית צדיקים, מאכט מען נישט קיין שמחה. און מען האט נישט געזעהן אז ב' ניסן, צו ג' ניסן, זאל זיין א סעודה אלץ חנוכת המזבח.

**דער** צווייטער טעם, ווייל דעמאלטס איז געווען חנוכת המזבח, בשעת מען האט מחנך געווען דעם מקדש בזמן החשמונאים, איז נאך שווערער צו פארשטיין. מען האט מחנך געווען די מנורה, מצות הדלקת הנרות, און עס איז געקומען מיט אזויפיל ניסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, אז מען זאל קענען צינדן די נרות אין בית המקדש, און מען האט נישט קובע געווען קיין משתה ושמחה דערויף, נאר להודות ולהלל. און ווייל מען האט מחנך געווען דעמאלטס דעם מזבח, וועגן דעם דארף מען יא מאכן א סעודה? פארוואס איז דער

חנוכת המזבח שטערקער, ווי דער חנוכה פון די מנורה אליין, וואס מען האט נישט קובע געווען דערויף א משתה ושמחה?

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז, עס שטייט אין די גמרא (חולין קלב:), אז אכילת קדשים, עסן קדשים, דארף מען עסן כדרך שהמלכים אוכלין, אזוי ווי א קעניג עסט א סעודה. אזוי שטייט אין פסוק (במדבר יח-ח) למשחה, לגדולה, כדרך שהמלכים אוכלין, אזוי האט מען געדארפט עסן די מתנות כהונה וקדשים. אין נאכלות אלא צלי, מען האט נישט געגעסן קיין בשר קדשים, נאר אז מען האט עס געבראטן. ואין נאכלות אלא בחרדל, מען האט עס נאר געגעסן מיט א צושפייז. אזוי ווי א מלך עסט א סעודה, אזוי דארף זיין אכילת קדשים.

**עס** האט אבער נאך אן הלכה אין זיך, וואס עס איז שייך צו דעם למשחה, וואס עס פעלט אויס ביי אכילת קדשים. די גמרא (יומא יד.) זאגט, אז אכילת קדשים דארף מען עסן מיט א שמחה. אין א זמן וואס א מענטש איז נישט בשמחה, האט ער נישט געטארט עסן קיין אכילת קדשים. די גמרא רעדט דארטן אקעגן דעם כהן גדול וואס האט געטון די עבודה אין יום הקדוש, טאמער דאס ווייב איז אים געשטארבן, צו ער האט געמעגט עסן קדשים אלץ אונן. זאגט די גמרא, אז ער טאר נישט עסן קיין קדשים, ווייל מען דארף עסן קדשים מיט א שמחה, און אזוי ווי ער איז א אונן, קען מען נישט עסן קיין קדשים. און די גמרא פרעגט, ער האט דאך געגעבן א גט פאר איר קודם, כדי עס זאל נישט זיין קיין שתי בית'ות, איז זי דאך למעשה געווען מגורשת, איז דאך נישט דא קיין אנינות? זאגט די גמרא, אין הכי נמי, אנינות איז נישטא, אבער דער מענטש איז דאך טרוד, ער איז בצער אז זיין ווייב וואס ער האט מגרש געווען איז אוועק, ממילא טאר ער נישט עסן קיין קדשים. קומט אויס, אז אכילת קדשים האט מען נישט געקענט עסן אין א זמן וואס מען איז געווען בצער, נאר אין א זמן פון שמחה.

**ווען** די כהנים זענען אריינגעקומען אין בית המקדש, און מען האט געזעהן וואס עס האט זיך אפגעטון אין בית המקדש, אז מען האט מטמא געווען אלע שמנים, און מען קען נישט גיין צינדן די מנורה. מען איז שוין אינעווייניג אין בית המקדש, און עס איז נישט דא קיין שמן מיט וואס מען זאל צינדן די מנורה, זענען זיי געווען אין א געוואלדיגע צער, אז מען קען נישט מקיים זיין די מצוות פונעם אייבערשטן. און אז מען איז בצער, אפילו עס זאל זיין א מזבח, און מען זאל קענען ברענגען קרבנות, איז נישט מעגליך אז מען זאל קענען עסן די פלייש פון די קרבנות, ווייל מען קען נישט עסן קיין קרבנות נאר אין א זמן פון שמחה. און טאמער פעלט די שמחה, קען מען נישט עסן קרבנות.

**קומט** אויס, אז אפילו מען זאל מחנך זיין דעם מזבח, האט מען נישט געקענט ברענגען דערויף קיין קרבנות, נאר א קרבן עולה, וואס איז כולו כליל. אבער ברענגען א קרבן שלמים ותודה וואס מען דארף עסן דעם פלייש דערפון, וואלט מען נישט געקענט מקריב זיין, ווייל מען קען נישט עסן די קדשים בשעת מען איז אין א צער. נאר אז דער אייבערשטער האט געמאכט דעם נס, אז מען האט יא געקענט צינדן שמן, איז דאך אוועקגעגאנגען דער צער, און אז עס איז אוועקגעגאנגען דער צער, איז ראוי געווארן יעצט דער מזבח, אז מען זאל קענען עסן די קדשים וואס מען וועט מקריב זיין דערויף.

**קומט** אויס, אז אויף חנוכת המזבח אליין, וואלט מען נישט קובע געווען אז דאס זאל זיין א זמן וואס מען דארף מרבה זיין בסעודה, אבער אזוי ווי דעמאלטס האט מען דאך מחנך געווען די נרות, און דורך די נרות איז אוועקגענומען געווארן דער צער וואס יודען האבן געהאט, האט דאך דאס צוגעברענגט אז מען זאל קענען עסן אן אכילה של מצוה פון קדשים. איז וועגן דעם חנוכת המזבח, וועגן דעם דארף מיר מאכן א סעודה, מיר זאלן געדענקען ווי אזוי די כהנים זענען אמאל געווען, אז בשעת עס האט געפעלט א מצוה, וואס מען האט נישט געקענט מקיים זיין, אפילו עס איז געווען אן אונס, איז עס נישט געווען קיין תירוץ אז עס איז אן אונס, און יודען זענען געווען בצער, האט מען נישט

געקענט עסן קיין קדשים, ביז מען האט נישט געהאט דעם נס פונעם שמן. אויף דעם דארפן מיר מאכן א סעודה, אז ווען עס קומען די טעג פון חנוכה, זאלן מיר געדענקען אויפן חנוכת המזבח. אז אן דעם נס פון נרות וואלט נישט צוגעקומען דערצו, אז מען זאל קענען מחנך זיין דעם מזבח, און קענען נוצן די קדשים דערפון.

*

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין **חידושי הרי"ם** (לחנוכה נו.), ער ברענגט עס צו פונעם **רבי'ן פון קאצק**, אויף דעם וואס די אחרונים פרעגן די קשיא, פארוואס האט אויסגעפעלט דער גאנצער נס, טומאה איז דאך הותרה בציבור (יומא ו:), קען מען דאך צינדן שמן אפילו עס איז טמא געווען? ענטפערט אויף דעם דער **חידושי הרי"ם**, אמת טומאה איז הותרה בציבור, אבער חינוך פון א משכן קען נישט זיין בטומאה הותרה בציבור. די ערשטע מאל וואס מען איז מחנך דעם מקדש, מען דארף מחנך זיין א נייע זאך, קען עס נישט זיין מיט קיין טומאה. טומאה הותרה בציבור איז נאר געזאגט געווארן, בשעת דער בית המקדש שטייט, און עס האט זיך געמאכט א טומאה אין מיטן די ימי העבודה, איז אפילו עס איז געשעהן א טומאה, איז טומאה הותרה בציבור. אבער אנהייבן א זאך מיט א טומאה, ביי דעם איז נישט דא די הלכה פון טומאה הותרה בציבור.

**איך** האב געזעהן דערויף א שטארקע קשיא פונעם **אמרי אמת** (הובא בספר **נר למאה** אות כד). אז עס איז דא א גמרא (תענית יז:), צו א כהן מעג טרינקען וויין היינט, ווייל אפשר מהרה יבנה בית המקדש, עס וועט אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש, וועט ער דאך דארפן טון די עבודה, און אז מען האט געטרינקען וויין, קען מען נישט טון די עבודה. איז דא א דיעה אין די גמרא, אז א כהן זאל נישט טארן טרינקען קיין וויין, וועגן מהרה יבנה בית המקדש, און ער וועט נישט קענען טון די עבודה.

**און** תוספות פרעגט דערויף א קשיא, פארוואס טאר ער נישט טרינקען קיין וויין, מיר זענען דאך אלע טמאים, אפילו ווען דער בית המקדש וועט ווערן אויפגעבויט, וועט מען נישט קענען טון גראד די עבודה, מען וועט נאר קענען טון די עבודה נאכדעם וואס מען וועט זיך מטהר זיין ביום השלישי וביום השביעי, דעמאלטס וועט מען קענען מקריב זיין די קרבנות. וועט מען דאך ממילא מוזןווארטן א גאנצע וואך, ביז מען וועט קענען מקריב זיין א קרבן. נו פארוואס זאל ער נישט טארן טרינקען קיין וויין, ער וועט דאך ממילא מוזן ווארטן א וואך ביז ער וועט קענען טון די עבודה? זאגט תוספות, ניין, מען וועט נישט דארפן ווארטן א גאנצע וואך, ווייל טומאה איז הותרה בציבור, וועט מען קענען אנהייבן תיכף צו טון די עבודה אפילו בטומאה אויך.

**מען** רעדט דאך דא פונעם חינוך פון א בית המקדש השלישי, מען וועט אויפבויען דעם בית המקדש. און טאמער זאגט מען, אז ביי חינוך זאגט מען נישט קיין טומאה הותרה בציבור, נו ווי אזוי וועט מען דעמאלטס קענען מקריב זיין די קרבנות בטומאה. עס איז דאך א חינוך פון א נייעם בית המקדש, און ביי א נייעם בית המקדש איז דען נישט דא קיין טומאה הותרה בציבור?.

**עס** קען אפשר זיין, דער פסוק (תהלים סב-יב) זאגט, אחת דיבר אלקים, איינס האט דער אייבערשטער גערעדט, שתים זו שמעתי, צוויי האב איך געהערט, כי עוז לאלקים, ווייל עס איז דא א שטארקייט פאר'ן אייבערשטן. עס קען זיין, אז עס ליגט א רמז אינעם פסוק. דער הייליגער **ישמח משה** (פ' תצוה) ברענגט צו, אז מען זאגט ביי די שירת הים, תבאמו ותטעמו בהר נחלתך, מכון לשבתך פעלת ה', מקדש ה' כוננו ידיך (שמות טו-יז). ברענגט ער צו פון קדמונים, אז די קדמונים פרעגן, מיר האפן אז דער אייבערשטער וועט אויסלייזן יודען, און דער בית המקדש השלישי וועט אראפקומען, און דאס וועט זיין א בית המקדש וואס וועט זיין נצחי אויף שטענדיג. פארוואס האט דער אייבערשטער געמאכט א בית המקדש, און דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, עס איז נישט געבליבן דערפון גארנישט. עס קוקט דאך אויס ח"ו אז דער פועל ה' איז געווען לריק, עס איז

געוועזן אומזיסט, מען האט געמאכט א בית המקדש און עס איז נישט געבליבן דערפון.

**ברענגט** ער צו פון קדמונים מיט א משל, איינער האט געהאט אמאל זייער א חשובן בוים, א טייערן בוים, וואס ער האט געוואלט איינפלאנצן, עס זאל ארויסגעבן פירות. אבער די ערד איז נישט געווען גענוג פעט, אז עס זאל קענען ארויסגעבן די פירות פון דעם בוים. האט ער אנגעהויבן איינצופלאנצן קודם שוואכערע פירות. ער האט איינגעפלאנצט א בוים וואס גיט ארויס א שוואכערע פרי, די ערד זאל זיך צוגעוואוינען ארויסצוגעבן איר כח. נאכדעם האט ער אויסגעריסן דעם בוים, און אוועקגעלייגט, און גענומען א צווייטע פרי, און אריינגעלייגט אינעווייניג, און ער האט דאס אויך אוועקגענומען. נאכדעם ווען ער האט געזעהן אז די ערד איז שוין גענוג רייף, אז עס זאל קענען ארויסגעבן פירות, האט ער גענומען דעם דריטן בוים, און דאס האט ער איינגעפלאנצט, און דאס האט ער געלאזט ליגן דארטן.

**זאגט** אויף דעם דער הייליגער **ישמח משה**, דער בית המקדש השלישי וועט זיין אזא הייליגער בית המקדש, וואס א גשמיות'דיגע וועלט קען נישט האלטן אזא קדושה. מען קען נישט נעמען א בית המקדש וואס איז בנוי ומשוכלל מן השמים, און אראפשיקן אויף די וועלט, און עס זאל זיך קענען האלטן אזא בית המקדש, אין אזא מגושם'דיגע וועלט. האט דער אייבערשטער גענומען קודם דעם בית ראשון, און ער האט עס אראפגעלייגט אויפן מקום המקדש, כדי יודען זאלן דארט טון די עבודה, עס זאל נתקדש ווערן אביסל דער מקום פון די השראת השכינה, און פון די עבודה וואס מען האט געטון דארטן. נאכדעם האט דער אייבערשטער אויסגעריסן דעם בוים, אויסגעריסן דעם בית המקדש, ער האט צוגעברענגט א צווייטן בית המקדש, וואס עס איז געלעגן אויף נאך פיר הונדערט יאר, אז דער מקום זאל ווערן גענוג רייף, אז עס זאל קענען אהין אנקומען דער בית המקדש השלישי. אלע צוויי בתי מקדשים זענען נאר געווען אן הכנה צו דעם עיקר בית המקדש וואס וועט זיין לעתיד.

**'תבאמו** ותטעמו בהר נחלתך', עס איז אזוי ווי א נטיעה וואס מען פלאנצט איין אין דער ערד, כדי שפעטער ווען מען וועט ארויסנעמען די נטיעה, זאל מען קענען צולייגן די ריכטיגע נטיעה. 'מכון לשבתך', דאס אלעס איז נאר געווען א צוגרייטונג אויף דעם וואס דער אייבערשטער וועט זיצן שפעטער, ווען עס וועט זיין 'מקדש ה' כוננו ידיך', א מקדש וואס דער אייבערשטער וועט אראפשיקן בנוי ומשוכלל מן השמים, וואס דאס קען נישט אראפקומען אויף אזא פשוטע ערד, ביז מען וועט נישט קודם צוגרייטן די ערד, אז מען זאל קענען דערצו אריינלייגן דעם בוים, דעם בית המקדש השלישי.

**זאגט** דער פסוק לויט דעם, 'אחת דבר אלקים', דער אייבערשטער האט גערעדט אחת, איינמאל וועט אראפקומען א בית משוכלל מן השמים, דאס איז פונעם דבר אלקים, עס וועט אראפקומען א פארטיגן בנין, וואס עס וועט זיין אחת, איינס אין די וועלט, וואס אזאנס איז נישט געווען. אבער 'שתים זו שמעתי', די ערשטע צוויי בתי מקדשות פארשטיי איך, 'כי עוז לאלקים', אז מען זאל קענען געבן א עוז פארן אייבערשטן. כדי עס זאל קענען געבויט ווערן דא א בית המקדש השלישי, דארף מען קודם האבן אויף דעם פלאץ די צוויי בתי מקדשים פון פארדעם.

**און** דער הייליגער **ישמח משה** זאגט, אז דער פסוק (שמות כז-כ) זאגט, ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלות נר תמיד. און אויף כתית זאגט דער **בעל הטורים** דאס איז ת"י און ת"כ, א רמז אויף די צוויי בתי מקדשים וואס איז געשטאנען פיר הונדערט און צען יאר, און פיר הונדערט און צוואנציג יאר, און מען האט דארטן אנגעצינדן די נרות. זאגט דער הייליגער **ישמח משה**, דו וועסט דאך פרעגן, כתית, עס איז דאך צובראכן געווארן די צוויי בתי מקדשים פון דעם ת"י און ת"כ, און וואס איז געווען די

סיבה אז דער אייבערשטער האט געהייסן בויען די צוויי בתי מקדשות? דער תכלית איז, להעלות נר תמיד, אז שפעטער זאל קענען קומען דער בית המקדש השלישי.

**קומט** דאך אויס, אז די צוויי בתי מקדשות איז געווען די הכנה פארן בית המקדש השלישי. דער בית המקדש השלישי דארף נישט קיין חינוך, ווייל מיר האבן געמאכט דעם חינוך פונעם בית המקדש השלישי, מיט די צוויי בתי מקדשים וואס עס איז געווען פארדעם. קומט אויס, קען מען נישט פרעגן די קשיא, ווי אזוי מען וועט קענען טון די עבודה שפעטער אלץ טומאה הותרה בציבור, מען קען נישט מחנך זיין בטומאה. דער חינוך פונעם בית המקדש השלישי איז געווען אין די עבודה פון די אלע יארן וואס עס איז געווען די צוויי בתי מקדשות. ממילא וועט מען קענען אויפשטעלן א בית המקדש השלישי אפילו בטומאה אויך, ווייל עס פעלט שוין נישט אויס דער חינוך פון פארדעם.

*

**דער** מוסר השכל דערפון איז, אז חינוך קען נישט זיין מיט קיין טומאה הותרה בציבור. עס איז דא הלכות וואס מען קען זיך מקיל זיין, עס איז א שעת הדחק, מען האט נישט קיין מעגליכקייט אנדערש, איז דא קולות וואס א מענטש קען מקיל זיין פאר זיך פריוואט. אבער **ווען מען דארף מחנך זיין קינדער, ווען א מענטש דארף אראפלייגן א יסוד אויף די דורות שפעטער, אזא חינוך קען נישט זיין קיין בדיעבד'דיגער חינוך. פון א טומאה הותרה בציבור, קען מען נישט מחנך זיין. א חינוך דארף צו זיין הונדערט פראצענט בטהרה, נאר דעמאלטס איז שייך חינוך! אפילו מען וועט זאגן עס איז מותר, מען קען טרעפן א היתר דערויף, די הלכה איז דאך אז טומאה הותרה בציבור, אבער נישט ווען מען דארף אראפלייגן א יסוד פאר חינוך אויף די דורות שפעטער. א טאטע איז מחנך קינדער, און ער וויל אויפשטעלן א ערליכע אידישע שטוב, דארף ער געדענקען, אז חינוך פון קינדער קען מען נישט מיט קיין טומאה הותרה בציבור. אפילו עס איז מותר, דאס קען מען נוצן פאר זיך פריוואט, ווען א מענטש איז אין א שעת הדחק, קען ער נוצן א דיעבד, אבער חינוך פון קינדער דארף צו זיין אויף אזא אופן, עס זאל זיין מיט טהרה.**

**ב"ה,** מיין זון רבי משה מרדכי זאל זיין געזונט, דער אייבערשטער האט אים געגעבן צוויי חשובע קינדער, וואס פירן זיך אויף זייער שיין. דער חינוך וואס זיי באקומען ביי די עלטערן אין שטוב, וואס מען האט מדקדק געווען אז דער שטוב זאל זיין געבויט בקדושה ובטהרה. א חינוך וואס עס קומט פון טהרה, דאס האט א כח און א שורש אויף שפעטער אויך. און די חשובע בר מצוה בחורים, וואס זיי זענען אויך מחנך יעצט א נייע נשמה, וואס קומט אריין אין טאג פון דער בר מצוה, עס קומט א יצר טוב וואס רוהט אינעם מענטש, א מענטש איז דאך אויך א בית המקדש, היכל ה' המה (ירמיה ז-ד), ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ו), בתוך כל אחד ואחד מישראל, דארף מען זיך אראפלערנען פון חנוכה און געדענקען, אז חינוך בשעת מען הייבט אן צו בויען א לעבן פון תורה מיט קדושה, דארף עס זיין אויף די גרעסטע מאס פון קדושה און טהרה, ווייל מען קען נישט אנהייבן א חינוך א נייע זאך מיט קיין טומאה הותרה בציבור. עס מוז זיין געבויט מיט קדושה.

*

**ווען** יודען זענען אדורכגעגאנגען דעם ים, האבן זיי געזאגט שירה פארן אייבערשטן, און זיי האבן געזאגט, זה קלי ואנוהו, אלקי אבי וארוממנהו (שמות טו-ב), און ווי רש"י זאגט, אז זיי האבן געקענט ווייזן מיט די פינגער, זה קלי, דאס איז מיין גאט. ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, אנדערע נביאים האבן נישט געזעהן, וואס א שפחה האט דעמאלטס זוכה געווען צו זעהן. און ווען זיי האבן געזאגט, זה קלי ואנוהו, האבן זיי צוגעזאגט, אלקי אבי וארוממנהו, דער אייבערשטער איז נישט נאר קלי, ער איז מיין גאט, נאר ער איז אויך אלקי אבי, ער איז דער גאט פון מיין טאטען. וארוממנהו, און איך וועל אים דערהייבן. רש"י זאגט דערויף, יודען האבן געזאגט, לא אני תחלת הקדושה, איך בין נישט

דער אנהייב פון די קדושה, אלא מוחזקת ועומדת לי הקדושה ואלקותו עלי מימי אבותי, די קדושה איז עומדת ומוחזקת לי פון דער גאט פון מיינע עלטערן, וואס פון זיי איז מיר מוחזק די קדושה. וואס האבן יודען געוואלט ארויסברענגען מיט דעם, בשעת מען האט געזאגט די שירה על הים?

**יודען** האבן געוואלט ארויסברענגען דערמיט, מען ווייסט, אז דער תכלית פארוואס יודען זענען געווען אין מצרים בעמקי הקליפות, זיי זענען געווען אין די מ"ט שערי טומאה, און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו בהוציאך את העם ממצרים, ווען יודען וועלן ארויסקומען פון מצרים, תעבדון את האלקים על ההר הזה (שמות ג-יב), מען גייט דינען דעם אייבערשטן. יודען זענען געווען דעמאלטס גרייט מקבל צו זיין אויף זיך די תורה, יודען זענען צוגעקומען צו דעם ים און מען האט געזעהן אזא גרויס התגלות פונעם אייבערשטן, זה קלי ואנוהו. וועלן יודען פרעגן, ווי קענען מיר יעצט מקבל זיין פני השכינה, ווי אזוי קענען מיר אין אזא מצב פון זה אלקי ואנוהו, עס איז דאך ביי אונז חינוך, מיר הייבן דאך יעצט אן צו דינען דעם אייבערשטן, נאך אזא עבודה פון מצרים. און חינוך קען דאך נישט זיין בטומאה, מיר האבן זיך דאך נישט מטהר געווען, זיך צוגעגרייט צו קענען מקבל זיין אזא גרויסן אור. ווי אזוי קען זיין אז מיר זאלן קענען זיין ראוי צו זעהן ביים ים וואס מען האט געזעהן.

**האבן** יודען געזאגט, דער חינוך הייבט זיך נישט אן ביי אונז, לא אני תחלת הקדושה, איך בין נישט דער תחלת הקדושה, עס הייבט זיך נישט יעצט אן ביי אונז דער תחלת הקדושה, אז מען זאל זאגן אז בטומאה קען זיך נישט אנהייבן אזא בחינת פון קדושה, אלא מוחזקת היא לי מאבותי, די קדושה איז מיר מוחזק פון מיינע אבות, מיר זענען נאר ממשיך א וועג פון אונזערע אבות אויף שפעטער. קומט אויס, אפילו מיר זענען נאך יעצט אין א מצב פון טומאה, פון דעסטוועגן דאך קענען מיר נאך ווייטער מקבל זיין פני שכינה. ווייל עס איז נישט יעצט דער חינוך ביי אונז, אונזער חינוך איז א המשכה פון דעם וואס עס איז געווען ביי אונזערע אבות.

*

**איך** וויל זאגן א פאר ווערטער פאר די חשוב'ע בר מצוה בחורים זאלן זיין געזונט. מען דארף שטענדיג געדענקען, זה קלי ואנוהו, געדענקען אז מיר האבן א באשעפער אויף די וועלט, און זה קלי, דאס איז מיין גאט, נישט יענעמ'ס, עס איז מיינס, ואנוהו, און איך גיי אים מאכן פאר א וואוינונג ביי מיר. איך גיי געבן א פלאץ אין מיין הארץ, און דאס וועט זיין פארן אייבערשטנ'ס וועגן. דאס דארף יעדער יוד זאגן, און כל שכן ווען מען גייט אריין אין עול המצות, דארף מען געדענקען דעם זה קלי ואנוהו.

**אבער** אין די זעלבע צייט דארף מען געדענקען, לא אני תחלת הקדושה, עס הייבט זיך נישט אן ביי מיר. מיר זענען ממשיך א שלשלת הזהב, א גאלדענע קייט פון אונזערע אבות, דאס איז מוחזקת לי מאבותי, דאס איז מוחזק פאר אונז פון אונזערע אבות, מיר דארפן ממשיך זיין דעם שלשלת הזהב פון די פריער'דיגע, אונזער עבודה איז נישט אנצוהייבן פון ניי, נאר ממשיך צו זיין וואס מיר האבן פון פריער.

**ב"ה**, די צוויי בחורים, וואס פוןביידע צדדים שטאמען זיי פון גרויסע יודען. פון אונזער זייט, פון גדולי התורה וואס האבן מרביץ תורה געווען, און מעמיד געווען טויזענטער און טויזענטער תלמידים. פון די מאמעס זייט שטאמען זיי פון צדיקים וואס האבן אריינגעשיינט קדושה און טהרה אין יודישע הערצער. מען דארף שטענדיג געדענקען דעם אלקי אבי וארוממנהו, געדענקען פון וואס פארא שטובער מען קומט, געדענקען וואס פארא טאטע מאמע מען האט געהאט, וואס פארא זיידעס און באבעס מיר האבן געהאט, אז מיר ציהן א גאלדענע קייט פון אברהם אבינו אן. און מען דארף זעהן, אז די גאלדענע קייט זאל זיך נישט אפרייסן. לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, אמר ה' מעתה ועד עולם. דאס איז די עבודה פון יודישע

קינדער, ממשיך צו זיין די עבודה וואס איז געווען ביי די אבות. ב"ה אז מען זעהט דורות וואס פירן זיך ערליך, דורות וואס זענען דבוק אין תורה הק', דאס איז די פארזיכערונג פארן כלל ישראל אויף שפעטער אויך.

**מען** זאגט אין על הניסים, בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמונאי ובניו, מען רעכנט אויס דריי דורות, מתתיהו, בן יוחנן, נאכדעם רעכנט מען אויס ובניו, די קינדער פון מתתיהו. ווייל דארט ווי עס איז דא דריי דורות, כל מי שהוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם. עס איז געקומען א צייט פון להשכיחם תורתך, האבן זיי געקענט מעמיד זיין תורה, ווייל עס איז געווען דריי דורות וואס איז געווען פון תורה.

**ב"ה** עס איז א המשך, נישט נאר פון דריי דורות, עס איז א המשך פון אסאך און אסאך דורות. וויל איך נאר אנוואונטשן דא פאר די בר מצוה בחורים, דער אייבערשטער זאל זיי געבן ווייטער אויך, זיי זאלן קענען שטייגן אין תורה און יראת שמים, זיי זאלן קענען זיצן און לערנען פלייסיג, און אויסוואקסן גרויסע תלמידי חכמים יראי ה' חסידים ואנשי מעשה. מיר זאלן אלע צוזאמען זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, און זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## במסיבה חנוכה לילדי התלמוד תורה דמוסדותינו הק'

יום ה' פרשת מקץ תשע"ג לפ"ק

**איך** וויל באגריסן אלע קינדער וואס זענען זיך צוזאמגעקומען לכבוד די מסיבה פון חנוכה. איך וויל עקסטער באדאנקן פאר די בחורים וואס האבן אזוי שיין געזאגט דברי תורה, יעדער איינער אויף זיין וועג האט ארויסגעברענגט א ענין וואס איז נוגע צו חנוכה. איך וועל אויך זאגען אווארט וואס די קינדער וועלן עס קענען נוצן, און מיטנעמען די לימוד דערפון, נישט נאר אויף חנוכה, נאר אויף א גאנץ יאר.

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת כג:) הרגיל בנר, ווען איינער איז געוואוינט צו צינדן נרות, הויין ליה בנין תלמידי חכמים, וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים. די גמרא רעדט פון אלע נרות של מצוה, עס איז דא נר שבת, נר בית הכנסת, און בעיקר נרות חנוכה, וואס יעדער יוד צינדט. זאגט די גמרא, אז א יעדע מצוה האט אין זיך א סגולה. אויסער דעם שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר די מצוה, איז אויך דא א סגולה אין די מצוה, וואס די סגולה איז אויף די וועלט. וואס איז די סגולה ווען א יוד צינדט אן נרות חנוכה. זאגט די גמרא, אז ער וועט האבן קינדער תלמידי חכמים. וואס איז די שייכות איינס מיטן אנדערן, אז ווייל ער צינדט אן נרות חנוכה, וועגן דעם איז א סגולה, אז ער זאל האבן קינדער תלמידי חכמים.

**די** מפרשים שטעלן זיך נאך מער, אז עס שטייט נישט די לשון 'הזהיר', ווען איינער איז נזהר אין די מצוה פון נרות, נאר 'הרגיל', ווען איינער איז געוואוינט. וואס מיינט ער איז געוואוינט. מען קען נאר טון די מצוה אכט טאג פון חנוכה, נאכדעם קען מען עס נישט מקיים זיין. און נרות שבת קען מען נאר צינדען איינמאל אין די וואך. וואס מיינט דאס, אז ווען ער איז 'רגיל' אין די מצוה, וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים.

**די** גמרא (שבת כא.) זאגט, אז אפילו קנויטן מיט אויל, וואס יעדן שבת קען מען עס נישט נוצען צו צינדען, פון דעסטוועגן דאך חנוכה קען מען עס יא אנצינדען. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די רמז דערפון איז, יעדער יוד האט אין זיך א נשמה, וואס לייכט אין חנוכה. אפילו עס לייכט נישט אין א פשוט'ען שבת, אדער אין א יום טוב, פון דעסטוועגן דאך, חנוכה לייכט יעדעס יודיש קינד. פארוואס איז אזוי, אז חנוכה לייכט יעדער איינער. וואס איז חנוכה מער פון שבת, פון פסח, שבועות, און סוכות, אז אויף חנוכה זאגט מען, אז

די פתילות און שמנים וואס לייכטן נישט א גאנץ יאר, פון דעסטוועגן דאך חנוכה לייכטן זיי יא.

**חנוכה** איז א אויסנאם פון אלע אנדערע ימים טובים וואס מיר האבן. חנוכה האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די לעצטע נס ברבים. די לעצטע נס וואס דער אייבערשטער האט געוויזן אין גלות, איז געווען דער נס פון חנוכה. עס איז שוין געווען ביים צווייטען בית המקדש, ווען עס איז שוין געווען צרות פון די יונים, עס איז געווען צייטן וואס מען האט נישט געקענט טון די עבודה אין בית המקדש. די צווייטע בית המקדש האט שוין נישט געהאט אין זיך אלע קדושות און נסים וואס איז געווען ביים ערשטען בית המקדש, די דורות זענען געווארן שוואכער. אין די גמרא (יומא כא:) שטייט, אז עס איז געווען עשרה נסים וואס איז געווען אין בית המקדש שטענדיג, און דאס איז אויך נאר געווען ביים בית ראשון, אבער ביים בית שני איז עס שוין נישט געווען. ביים בית שני איז שוין נישט געווען א השראת השכינה אין בית המקדש, אזוי ווי ביים ערשטען. די ארון איז שוין נישט געווען ביים צווייטען בית המקדש. עס איז געווען א צייט וואס יודען זענען אזוי געפאלען, אז עס האט געגעבן א כח, אז די יוונים האבן געקענט אריינקומען אין בית המקדש, און מטמא זיין דעם בית המקדש, אריינלייגען א צלם בהיכל, און מען האט נישט געקענט מער טון די עבודה א שטיק צייט, ביז מען האט מנצח געווען די מלחמה. זענען דאך יודען געווען דעמאלטס אין זייער א נידריגע מדריגה, און פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער געמאכט פאר אונז נסים, פון גרויס חביבות צו יודען. דער באשעפער האט געוואלט ווייזען פאר אונז, אז עס הייבט זיך אן א תקופה פון א שווערע לאנגע גלות וואו יודען וועלן דארפן זיין. פון נאכן חורבן בית המקדש השני, זענען מיר שוין אין גלות באלד צוויי טויזנט יאר. מיט וואס וועט מען זיך קענען מחזק זיין אין דעם שווערן גלות. האט דער אייבערשטער געוויזן נסים ונפלאות אין בית המקדש, ווען עס איז שוין געווען די שווערסטע זמנים, ווען עס זענען אריינגעקומען די גוים, און זיי האבן מטמא געווען דעם היכל, האט דער אייבערשטער געמאכט נסים אין בית המקדש, צו ווייזען אז אפילו ווען עס איז דא א הסתרת פנים, ווען עס איז אנכי הסתר אסתיר (דברים לא-יח), אפילו עס איז א צייט וואס מען זעהט נישט די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, זאלט עטץ וויסען, אז איך בין דארט צוזאמען מיט ענק, און דער באשעפער מאכט נסים.

**קומט** אויס, אז די נסים וואס איז געווען אין חנוכה, דאס ווייזט, אז ווען מען איז אין זייער א נידריגע מדריגה, טוט דער אייבערשטער העלפן פאר יודען אפילו שלא כדרך הטבע. וועגען דעם איז נרות חנוכה אזוי חשוב ביי אונז, ווייל דאס לערנט אונז אז מיר זאלן געדענקען אז דער באשעפער איז צוזאמען מיט אונז, אפילו עס איז א זמן וואס מען שטייט זייער געדרוקט.

**מען** ווייסט אז נרות חנוכה צינדט מען נידריג, אונטער צען טפחים. פארוואס צינדט מען די נרות חנוכה אונטער צען טפחים, עס איז אסאך שענער ווען מען זאל עס צינדען אינדערהייך. ווען מען וועט צינדען על פתח ביתו וועט מען אויך האבן א היכר, אז מען האט עס נאר געצינדען וועגן נר חנוכה. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די גמרא (סוכה ה.) זאגט, מעולם לא ירדה שכינה למטה מעשרה טפחים, די שכינה אויף די וועלט, געפונט זיך קיינמאל נישט נידריגער פון צען טפחים פון די ערד, אלץ איז די שכינה העכער. ווען עס קומט אבער חנוכה, צינדען מיר נרות חנוכה נידריגער פון צען טפחים, צו ווייזען אז אפילו אויף אזא פלאץ וואו עס איז נישט דא קיין השראת השכינה, אין דעם נידריגען מקום, וואס א מענטש קען אסאך מאל פארפאלען ווערן, און ער געפונט זיך זייער נידריג, אויף א פלאץ וואו עס איז נישט דא ביי אים קיין השראת השכינה, אבער חנוכה לייכט דארט. חנוכה קען יעדער יוד צוקומען צו קענען לייכטען פון דעם אור פון חנוכה. און וועגן דעם איז אפילו פתילות ושמנים וואס אין מדליקין בהם בשבת, מדליקין בהם בחנוכה. יעדעס יונגעל האט אין חנוכה א עקסטערע ליכטיגקייט פונעם אייבערשטען, ער זאל זיך

קענען אביסל אויפהייבן. אפילו ווען ער געפונט זיך אין סיי וואס פארא מצב, ער איז נידריגער פון צען טפחים, וואס מעולם לא ירדה שכינה למטה מעשרה, חנוכה לייכט דארט אויך.

**ווען** איינער נעמט זיך דאס מיט אויף א גאנץ יאר, ער איז רגיל בנר, ער איז געוואוינט מיט דאס וואס די נרות חנוכה לערנען אונז. אז ער ווייסט אז ער איז קיינמאל נישט פארפאלן. און סיי וואו ער איז, קען ער לייכטען. און סיי ווי אזוי זיין נפש איז, סיי ווי אזוי זיינע כשרונות זענען, איז ער קיינמאל נישט פארפאלן, **יעדער מענטש קען לייכטן. ווען מען האט א רצון, ווען מען וויל, קען מען אנקומען. אין לך דבר שעומד בפני הרצון** (זוה"ק ח"ב קסב:)**, די אלע גדולי ישראל וואס זענען אויסגעוואקסען גרויס אין תורה, איז נישט ווייל זיי האבן געהאט גוטע קעפ, נישט ווייל זיי זענען געווען עילוים, נישט ווייל זיי האבען געהאט ספעציעלע כשרונות מער פון אנדערע, זענען זיי אויסגעוואקסען, נאר ווייל זיי האבען געהאט א געוואלדיגען רצון. זיי האבען געוואלט! זיי האבן אלעס אוועקגעגעבן כדי צו קענען לערנען תורה. עס האט זיי נישט אינטערעסירט קיין שום זאך, נאר קענען נאך א בלאט גמרא, און נאך א בלאט גמרא, נאך א מצוה טון, דאווענען ערליך, און טון מצות און מעשים טובים. וועגן דעם איז מען אויסגעוואקסען אזוי גרויס.**

**הרגיל** בנר, ווען איינער איז געוואוינט אין די מצוה פון נר חנוכה, וואס ווייזט אונז אז אפילו ווען מען איז נידריגער פון עשרה טפחים, לייכט דארט אויך. ער איז רגיל בנר, ער פירט זיך ווי די מהדרין, אז יעדען טאג איז ער מוסיף והולך. וואס עס איז געווען נעכטען גוט, איז נישט גוט פאר היינט. נעכטען האב איך געדארפט צינדען איין לעכט, און היינט וועל איך צינדען צוויי. נעכטען האב איך געצינדען צוויי, גיי איך היינט צינדען דריי. ער גיט אייביג צו, מער פון וואס עס איז געווען. יעדן טאג ווען ער שטייט אויף, מוז ער עפעס טון מער פון וואס ער האט געטון נעכטען, איך מוז היינט מער קענען פון וואס איך האב געקענט נעכטען. היינט וועט צוקומען נאך א תוספות, היינט וועט צוקומען נאך א משנה וואס איך וועל קענען. ווען איינער איז רגיל בנר, וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים, די וואקסען אויס תלמידי חכמים.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, עטץ זאלסט קענען שטייגען אין תורה און יראת שמים, אויסוואקסען גרויס אין תורה און אין עבודת ה', עס זאל לייכטען די נר מצוה ותורה אור. ענקערע עלטערן און ענקערע רבי'ס זאלן זעהן ביי ענק אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלען אלע זוכה זיין צו ערכתי נר למשיחי, זעהן ווי אזוי אי"ה בקרוב וועט דער אייבערשטער אויפבויען דעם בית המקדש, און דער כהן גדול וועט אנצינדען די מנורה בבית ה', בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.